בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קי"ב

יו"ל: י"ט טבת ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**מנהגי שובבי"ם**

**א סימן פון דביקות**

**"ובֹשֶׁת פָּנִים - לְגַן עֵדֶן"**

**שעם זיך כאטש**

**א שטומער קעניג...**

**א שטורעם ווינט וואס שטורעמט**

**ער ווארט אים אָפּ ביים טיר...**

**"דו רעדסט ווי א חסר דיעה!"**

**צוויי מאל גיהנום**

**א דיבור צום אויבערשטן!**


ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה''ק: 02.560.7387

ארה''ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775


לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

#2.1.2.1.1 ואח"כ #112

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (כל שבועיים) במחיר חודשי של $15

יש להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# פרשת בשלח (ח"א)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 130#)

## מנהגי שובבי"ם

(חסר) (השואל: 'נישט עסן קיין דבר מן החי אין שובבי"ם' - דאס איז פון רבי'ן?) **עס איז נישט בפירוש פונעם רבי'ן אז מען זאל נישט עסן קיין 'דבר מן החי'. נאר בשעת דער רבי פלעגט געבן די צעטלעך האט ער געגעבן** (אזא הנהגה) **מען זאל נישט עסן קיין דבר מן החי**[א] **- נעמט מען עס אָן אויף שובבי"ם אויך. אבער בפירוש פונעם רבי'ן איז נישט געוועזן אויף שובבי"ם, דאס איז געווארן פון זיך אליין. אפשר האבן אונזערע זקנים אזוי געזאגט**[ב]**.**

**די וועלט פאסט גאר פרייטאג**[ג]**.**

---

[א] עי' שיחות הר"ן, אות קפ"ה: "...**וצוה לכמה אנשים שיהיו נעורים לילה אחת בשבוע ושלא יאכלו מעת לעת אחד בשבוע דבר מן החי**". גם עי' חיי מוהר"ן, אות תקצ"א.

[ב] לציין שבספר "יסוד ושורש העבודה" - שער 'המפקד', פרק שני, הביא שם מנהג כעי"ז: "ורבים מבני עליה מתענים פ' שמות ופ' משפטים משבת לשבת, **ונזהרים 'כל' ימי השובבי"ם מלאכול דבר מן החי**, ורבים מסגפין עצמן שאינם אוכלים אף שום תבשיל חם בערב אחר התענית".

[ג] עי' "דברי יחזקאל", פר' שמות: "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה (א, א). הנה הר"ת מן ש"מות בנ"י י"שראל ה"באים מ"צרימה הוא השבי"ם. וסופי תיבות תהלי"ם. כי מסוגל לחטא ז"ל ר"ל. ובפרט בימי השובבים לומר תהלים. **ואמרו משמו של הרב הקדוש מוהר"ר מרדכי מטשערנאבל זלה"ה**

אין דער וועלט איז געווען אסאך וואס פלעגן פאסטן פרייטאג. און אסאך פאסטן דאנערשטאג[ד].

(השואל: רבי נתן ברענגט אין ליקוטי הלכות[ה]: "וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹבְבִי"ם שֶׁבָּהֶם נוֹהֲגִים הַכְּשֵׁרִים לְהִתְעַנּוֹת"!) יא, די 'מתעַנין'. פריער, ווייזט אויס, איז טאקע געווען וואס פלעגן פאסטן א טאג אין שובבי"ם. א טייל פלעגן פאסטן פרייטאג; נאר וואס דען? פאר מנחה האט מען עפעס טועם געווען[ו]. נאר דער מנהג פון איין טאג נישט עסן קיין דבר מן החי איז געווארן דערפון, ווייל דער רבי האט ארויסגעגעבן די צעטלעך האט ער דאס דערמאנט, האט מען עס אנגענומען אויף שובבי"ם אויך.

---

**שסגולה לזה להתענות בעש"ק** ובשבת קודש יאמר תהלים וטוב לתיקון החטא הזה". גם עי' "מגן אברהם" (טריסק) פר' שמות: "ולכן הסדרות אלו מסוגלים להתענות ולשוב בתשובה שלימה בבחינת שובו בנים שובבי"ם על עון המר של חטאת נעורים, **וזמן התענית הוא ביום וא"ו ערב שבת קודש. ולמה דווקא ביום וא"ו?** הוא על דרך הכתוב (שמות טז, ד) 'דבר יום ביומו' שבכל יום הוא העת לתקן המדה השייך לאותו יום, ויום הוא"ו הוא נגד מידת היסוד מדה הששית ולכן צריכים לתקן תיקון היסוד ולהתענות תענית וא"ו, והר"ת של ת'ענית ו'או במספר קטן בגימ' יו"ד וששה פעמים יו"ד לששה התעניתים שבששת הפרשיות משובבי"ם הרי ששים, והם הששים גבורים שבפסוק (שה"ש ג, ז-ח) הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל כולם אחוזי חרב מלומדי מלחמה איש חרבו על ירכו מפחד בלילות, והירכין הם הרגלין שהם בסוד הברית וכמאמר בספר יצירה (פ"ו מ"ח) קשר ברית בין עשר אצבעות רגליו והוא ברית המעור, שבאמצעות התענית והתשובה שבימי השובבי"ם יכול האדם להיות גבור ואיש מלחמה שיחגור עצמו בהחרב בבחינת חגור חרבך על ירך גבור (תהלים מה, ד), שיחגור החרב וכלי מלחמה על הירכין להתגבר על יצרו שיהיה שומר הברית האמיתי".

[ד] עי' מגן אברהם, או"ח, סי' תרפ"ה.

[ה] הל' גילוח ה"ד, אות ח', וזל"ש: "**וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹבְבִי"ם שֶׁבָּהֶם נוֹהֲגִים הַכְּשֵׁרִים לְהִתְעַנּוֹת** וְלִצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְפִלּוֹת וּסְלִיחוֹת, כִּי בְּאֵלּוּ הַיָּמִים קוֹרִין בַּתּוֹרָה בְּעִנְיַן גָּלוּת מִצְרַיִם וּגְאֻלָּתָם שֶׁהָיָה עַל יְדֵי צְעָקָה כַּנַּ"ל. וּכְמוֹ כֵן צְרִיכִין עַתָּה בַּגָּלוּת הַזֶּה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, "**שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים**", שֶׁעִקַּר כָּל הַצָּרוֹת וְהַגָּלֻיּוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֵם עַל יְדֵי חֶסְרוֹן הַדַּעַת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת שׁוֹבָבִים, שֶׁכָּל אֶחָד הוֹלֵךְ בָּעוֹלָם כְּמוֹ מְשֻׁגָּע וְשׁוֹבָב מַמָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "וַיֵּלֶךְ שׁוֹבָב בְּדֶרֶךְ לִבּוֹ". וּכְשֶׁיָּבִין הָאָדָם בְּעַצְמוֹ כָּל זֹאת אֵיךְ הוּא שׁוֹבָב וּמְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, כִּי הוֹלֵךְ אַחֲרֵי שְׁרִירוּת לִבּוֹ וְאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל עַל תַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי, בְּוַדַּאי יָחוּס עַל עַצְמוֹ וְיִצְעַק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה, לְפִי בְּחִינָתוֹ, לְהוֹלִיד הַמֹּחִין וְהַדַּעַת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַגְּאֻלָּה בִּכְלָל וּבִפְרָט בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן כַּנַּ"ל".

[ו] כדי שלא יכנס לשבת כשהוא מעונה. עי' שו"ע, או"ח סי' רמ"ט, ובנו"כ שם.

(אחד הנוכחים: עס איז דא אנדערע וואס פירן זיך צו מאכן א תענית הדיבור איין טאג אין שובבי"ם!)
די פרענקן מאכן דריי טעג. אמאל רעדן זיי נישט דריי טעג.

(אחד הנוכחים: איך האב געהערט אז עס זענען דא וואס מאכן א תענית הדיבור, דאכט זיך, מאנטאג און דאנערשטאג) דאס איז שווערער ווי נישט עסן? (הנ"ל: אוודאי, איך פארשטיי אז עס איז שווערער) פון וואנעט ווייסטו? דו האסט שוין אמאל געפרואווט?!... ר' נחמן שותק[ז] שווייגט.

נישט עסן קיין 'דבר מן החי' איז, נישט קיין פוטער, נישט קיין מילך, שַמֶנֶת (סמייטע) נישט, הערינג נישט, נישט פיש, נישט פלייש, נישט קיין איי. אבער מען קען עסן צו דער זעט אפילו מען עסט נישט קיין דבר מן החי. מען עסט מער ברויט, קארטאפל, טאמאטעס, אוגערקעס, מען טרינקט א גלאז טיי – און שוין, א גרינגער תענית.

די קליינינקייטן איז אויך שווער מקיים צו זיין, ווייל אז די זאך איז נוגע צו א תיקון הנפש איז דאס 'שוין' שווער. אבער אזוי איז עס גארנישט. אין שובבי"ם צו טוהן אזא מין זאך, דאס איז שוין אַן ענין פון תיקון הנפש, איז דאס 'שוין' שווער. ווען דער רבי האט ארויסגעגעבן די צעטלעך האט ער ארויסגעגעבן נישט קיין שווערע זאכן, נאר עס איז געווען שווער מקיים צו זיין. פארוואס? ווייל אז דער רבי האט דאס געגעבן אלס א תיקון הנפש, איז עס שוין שווער מקיים צו זיין, לאקערט שוין דער בעל דבר[ח].

---

[ז] שמו המלא: ר' נחמן אליעזר ב"ר מרדכי אהרן העלמאן. נלב"ע ב' אייר תשל"ח. (גידולי הנחל)

[ח] עי' שיחות הר"ן, אות קפ"ה: "ואמר בפירוש בזה הלשון: כל הנהגה והנהגה שאני מצוה לעשות הוא סגולה, ותיקון. ומועיל על מה שעבר, ועל העתיד, ולאחר ההסתלקות של האדם, ולימות המשיח, ולתחית המתים, ולעתיד לבוא. **וכל מה שצוה לעשות, אפלו היה נראה דבר קל ופשוט מאד, היה כבד מאד על האדם לעשות. והיה מונח עליו כל מיני כבידות והיו עליו כמה וכמה מניעות אף על פי שהדבר היה דבר פשוט. ואילו לא היה מצוה רביז"ל לעשות אותו הדבר, רק האדם היה רוצה לעשות זאת מעצמו היה קל עליו מאד לעשות, אבל כשצוה רביז"ל לעשותו היה כבד מאד.** אבל אף על פי כן היו אנשים שלו מקיימים דבריו תמיד. כי ידעו מזה שדבריו שהוא מצוה כבד מאד לעשותן והיו מכריחים עצמם

(אחד הנוכחים: דער רבי האט געזאגט אויף דעם "תיקון הכללי" אז אפילו די פאר קאפיטלעך וועט אויך זיין שווער צו זאגן?[ט]) יא. ביי יעדער זאך וואס א מענטש וויל זיך מאכן א קביעות אין א זאך, ווערט שוין שווער. ווייל א קביעות האט א גרויסע חשיבות.

❖ ❖ ❖

## א סימן פון דביקות

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח:) אט די תורה איז געזאגט געווארן 'שבת שירה', תקס"ב', נאך איידער דער רבי איז אריין קיין ברסלב, נאך פאר רבי נתן'ס התקרבות. די תורה איז געזאגט געווארן אין זלאַטיפּאָליע.

"מַרְכְּבֹת פַּרְעֹה וְחֵילוֹ יָרָה בַיָּם וְכוּ'". זאגט דער רבי אזוי[יא] (סעיף א'): יעדער מענטש דארף זיך ארומזוכן אין אלע צייטן צו ער איז דבוק אין השי"ת. א מענטש דארף זיך ארומזוכן צו ער איז דבוק אינעם אויבערשטן. און דער סימן פון דביקות איז, תפילין. תפילין איז א סימן אויף דביקות.

---

מאד מאד לקיים דבריו דיקא. והיו מתחננים ומבקשים מאד מהשם יתברך על זה שיעזור אותם לקיים דברי הנהגותיו הקדושים. והשם יתברך עזרם על זה. **ושמעתי מפיו הקדוש בפרוש שאמר: כל מה שאני מצוה לעשות הוא כבד מאד לעשות** וכו'. **ומי שזכה להתקרב אליו היה רואה קצת מעין זה. ... וגם עכשיו עדיין מונח כל מיני כבידות ללמוד ספריו הקדושים ויש עליהם כמה מניעות אפילו מי שזוכה לידע מרביז"ל ורוצה ללמד אותם יש לו כבידות גדול ומניעות רבות מאד כידוע בחוש לנו.** וגם עדיין האור נעלם ונסתר".

[ט] עי' שיחות הר"ן קמ"א: "ואמר: **אף על פי שהוא דבר קל לומר עשרה קפיטל תהלים, אף על פי כן גם זה יהיה כבד מאד לקיים. וכן נתקיים עתה בעוונותינו הרבים** שמחמת ריבוי המחלוקת רב ההמון רחוקים מאד לקיים זאת והוא זכרונו לברכה הודיע כל זאת מקודם".

[י] עי' חיי מוהר"ן, אות נ"ט.

[יא] וזל"ש: **"כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְפַשְׁפֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת, אִם הוּא דָבוּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְהַסִּימָן שֶׁל דְּבֵקוּת הוּא תְּפִלִּין, כִּי תְּפִלִּין הֵם סִימָן עַל הַדְּבֵקוּת".**

אין דער תפילה בעט רבי נתן מען זאל האבן 'תפילין כשרים', פון א 'סופר כשר', 'בתים' און 'רצועות', אלעס[יב]. דער רבי זאגט דאך 'תפילין'.

❖

דער רבי זאגט ווייטער אין סעיף ה', אז תפילין איז די זאך פון בושה; א מענטש דארף זיך שעמען פארן אויבערשטן. ער דארף וויסן, אז ער האט דעם אויבערשטן אזוי פיל דערצערנט, דארף זיין אין אים א בושה. א מענטש אז ער האט אין זיך א בושה פארן אויבערשטן איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן. טאמער האט ער נישט קיין בושה אין זיך איז ער נישט דבוק אינעם אויבערשטן[יג].

פון יעדער זאך וואס ער טוהט עפעס אנטקעגן דעם רצון פונעם אויבערשטן דארף ער זיך שעמען. כאטש אז מיטן שעמען אליין איז עס נאך נישט פארראכטן

---

[יב] וזה חלק מלשונו שם: **"וְאֶזְכֶּה לְהָנִיחַ בְּכָל יוֹם תְּפִלִּין כְּשֵׁרִים וּקְדוֹשִׁים מִסּוֹפֵר הָגוּן וְצַדִּיק אֲמִתִּי וְיִהְיוּ נִכְתָּבִין בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה וּבְכַוָּנָה עֲצוּמָה וְנוֹרָאָה כָּרָאוּי, לְכַוֵּן בִּשְׁעַת כְּתִיבַת הַתְּפִלִּין וְתִקּוּנָן וּכְתִיבַת הַפַּרְשִׁיּוֹת וְתִקּוּן הַבָּתִּים וְהָרְצוּעוֹת, וּתְפִירָתָן בְּגִידִין וְכָל תִּקּוּנֵי הַתְּפִלִּין, הַכֹּל יִהְיֶה נַעֲשֶׂה עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב וְנָאוֹת כְּפִי דִּינֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וְיִהְיוּ הַתְּפִלִּין שֶׁלִּי כְּשֵׁרִים תָּמִיד בְּכָל פְּרָטֵי דִּינֵיהֶם וְנָאִים בְּיוֹתֵר בְּתַכְלִית הַנּוֹי וְהַיֹּפִי, וּקְדוֹשִׁים בְּתַכְלִית הַקְּדֻשָּׁה".**

[יג] וזל"ש: "**וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין**, שֶׁנִּתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו בְּמִצְחוֹ. וְעִקַּר הִתְגַּלּוּת הַבּוּשָׁה הִיא בַּמֵּצַח, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָה ג'): "וּמֵצַח אִשָּׁה זוֹנָה הָיָה לָךְ מֵאַנְתְּ הִכָּלֵם". וְזֶה פֵּרוּשׁ (מִשְׁלֵי ב'): "אָז תָּבִין יִרְאַת ה'", כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּהַקְדָּמַת הַתִּקּוּנִים דַּף ט:): 'תְּפִלִּין הֵם בְּחִינַת אִמָּא עַל בְּרָא', "וְאִם לַבִּינָה תִקְרָא" (מִשְׁלֵי ב'). וְזֶה פֵּרוּשׁ "אָז תָּבִין", הַיְנוּ עַל יְדֵי בִּינָה יְתֵרָה שֶׁיִּהְיֶה בְּהַכָּרַת הַבּוֹרֵא, עַל יְדֵי זֶה "יִרְאַת ה'", הַיְנוּ בְּחִינַת תְּפִלִּין, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו'): "וְרָאוּ כָל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ", אֵלּוּ תְּפִלִּין. כִּי הַיִּרְאָה הוּא הַבּוּשָׁה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (נְדָרִים כ'): "יִרְאַת ה' עַל פְּנֵיכֶם" 'זֶה הַבּוּשָׁה', שֶׁהִיא עַל הַפָּנִים. הַיְנוּ בְּחִינַת תְּפִלִּין עַל יְדֵי בִּינָה, שֶׁהִיא אִמָּא עַל בְּרָא. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת י"א): תְּפִלִּין נִקְרָאִין פְּאֵר, שֶׁנֶּאֱמַר: "פְּאֵרְךָ חֲבוּשׁ עָלֶיךָ". וּפְאֵר הוּא כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין, כִּי הַהִתְפָּאֲרוּת עַל יְדֵי כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה מ"ט): "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר". כִּי הֵם כְּלוּלִין מִגְּוָנִין סַגִּיאִין. וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, כְּשֶׁאָדָם מִתְבַּיֵּשׁ נַעֲשֶׂה כַּמָּה גְּוָנִין. **וּבָזֶה יְכוֹלִים אָנוּ לְהָבִין, אִם יֵשׁ לְאָדָם יִרְאַת שָׁמַיִם, הַיְנוּ בּוּשָׁה, לְאַחַר תִּקּוּן הַחֵטְא. כְּשֶׁאָנוּ מִסְתַּכְּלִין עַל פָּנָיו, וְנוֹפֵל עָלֵינוּ יִרְאָה וּבוּשָׁה, הַיְנוּ שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלֵינוּ דַּעַת בִּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.** וְזֶה פֵּרוּשׁ: "אָז תָּבִין יִרְאַת ה'", פֵּרוּשׁ בָּזֶה תָּבִין שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִרְאַת ה', וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. הַיְנוּ כְּשֶׁיִּמָּצֵא גַּם לְךָ, דֵּעָה בִּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא, הַיְנוּ בּוּשָׁה וְיִרְאָה. וְזֶה בְּחִינַת: "וְרָאוּ כָל עַמֵּי הָאָרֶץ וְכוּ' וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ", הַיְנוּ שֶׁנִּמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם גַּם כֵּן יִרְאָה".

אינגאנצן, אבער מיט דעם אליין, ווייבאלד אז ער שעמט זיך פארן אויבערשטן, איז ער דבוק אינעם אויבערשטן. אט דאס איז דער סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן.

אויב ער האט נישט אין זיך קיין בושה איז ער נישט דבוק אינעם אויבערשטן; פאר וועמען דארף מען האבן בושה? פארן אויבערשטן! ווארום ער האט דעם אויבערשטן דערצערנט, ער האט געטוהן אנטקעגן דעם אויבערשטנ'ס רצון, א קוק, א טראכט, א רעד, אלץ וואס איז אנטקעגן דעם אויבערשטן'ס רצון. און אז ער האט בושה, ער שעמט זיך פארן אויבערשטן, איז א סימן ער איז דבוק אינעם אויבערשטן. דארף מען זיך ארומזוכן אין אלע צייטן זעהן צו איז ער דבוק אינעם אויבערשטן צו נישט. און דאס ווייסט נאר א מענטש ביי זיך אליין; נאר ווער ווייסט דאס?!...

א מענטש וועט זיך שעמען צו טוהן עפעס נישט קיין שיינע זאך אפילו פאר א קינד וואס האט נאר דעת אז דאס קינד זאל נישט אויסזאגן און נישט דערציילן. (פארוואס?) ווייל דאס קינד וועט דערציילן. 'ביים אויבערשטן' איז דאך נישט שייך צו זאגן: 'קיינער וועט אים נישט דערציילן!' (ער ווייסט דאך, ער זעהט דאך, קיינער דארף אים נישט דערציילן!) 'דארף מען דאך זיך שעמען פאר אים!'

א פסוק אין תהלים איז דא, אין קאפיטל נ' (כא). דער אויבערשטער זאגט אזוי: "אֵלֶּה עָשִׂיתָ" - דו האסט געטוהן. "וְהֶחֱרַשְׁתִּי" - און איך שווייג. ["דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ" -] מיינסטו איך וועל זיין אזוי ווי דיר? "אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ" - דארטן וועל איך דיר מסדר זיין אלעם וואס דו האסט געטוהן[יד].

עס איז דאך א געוואלדיגע זאך, אז א קינד וועט זיין אין שטוב וועט ער זיך היטן, ער וועט נישט טוהן א נישט שיינע זאך. פארוואס שעמט זיך א מענטש פאר א קליין

---

[יד] (עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ג')

קינד? ווארום דאס קינד וועט דערציילן! און פארן אויבערשטן שעמט ער זיך נישט? איז א סימן אז ער איז נישט דבוק אינעם אויבערשטן.

כאטש די בושה אליין, זאגט דארט דער רבי, דארף זיין טאקע "על פניו". אבער דאס אליין איז שוין א זאך, 'ער שעמט זיך פארן אויבערשטן'. טאקע, "לְךָ ה' הַצְּדָקָה, וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים"[טו], אז מיר האבן א 'בושת הפנים' דאס איז א געוואלדיגע זאך, 'שעם זיך כאטש!'

❖

## "וּבֹשֶׁת פָּנִים - לְגַן עֵדֶן"

די משנה זאגט[טז]: "עַז פָּנִים לְגֵיהִנָּם, וּבֹשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן". וואס מיינט מען 'בושת פנים'? וואס מיינט מען 'עז פנים' - אַן עבירה? דאס איז דאך נישט 'עז פנים לגיהנום', וויבאלד פאר א בעל עבירה קומט גיהנום. וואס מיינט מען 'בושת פנים'? אז ער טוהט מצוות? איז ווייל ער האט מצוות קומט אים גן עדן; וואס עפעס האט די עזות מיט דער בושה? עס ווייזט אויס אז דאס וואס פארן עזות קומט גיהנום און פאר דער בושה קומט גן עדן איז נישט דערפאר ווייל מיט דער בושה טוה איך א מצוה, צו מיטן עזות טוה איך אַן עבירה, נאר די עזות אליין (עונשו בגיהנם). אלע עונשים האט מען דאך איבערגעביטן אויף 'שעבוד מלכות', אבער 'עזות' איז געבליבן אין גיהנום[יז]. איז דער פשט, פארן עזות אליין. דאס הייסט, עס קען זיין א מענטש וואס ער דאוונט און לערנט און טוהט מצוות, נאר ער איז אַן עזות פנים, דערפאר אליין קומט אים גיהנום, פארן עזות אליין, נישט פאר די עבירות.

---

[טו] דניאל ט, ז.

[טז] פ"ה, מ"כ.

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות י"א: "**כִּי 'עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם'. כִּי הָעֳנָשִׁים שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים הֶחֱלִיף אַבְרָהָם אָבִינוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עַל שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, אַךְ עֹנֶשׁ הָעַזּוּת נִשְׁאַר רַק בַּגֵּיהִנֹּם**".

(אזוי אויך:) 'ובושת פנים'. אז א מענטש האט אין זיך א מידה פון בושה, ער שעמט זיך, ער שעמט זיך פאר יענעם, ער רעדט נישט אנטקעגן, ער ווייסט ביי זיך ער האט דערצערנט דעם אויבערשטן, די בושה אליין וועט אים ברענגען צו גן עדן, די 'בושת פנים' אליין.

"'העובר עבירה ומתבייש בה' איז מען אים מוחל 'על כל עוונותיו'"[יח] - אט די בושה איז דאך יא אויף עפעס א זאך אנטקעגן דעם אויבערשטנ'ס רצון. אבער בושה אליין איז א געוואלדיגע זאך, ער שעמט זיך!

דער רבי רעדט אין דער תורה פון "חיים נצחיים"[יט], אז תשובה איז די זאך פון בושה. אז א מענטש טוהט תשובה דעמאלט שעמט ער זיך, ער האט אין זיך עפעס א בושה פארן אויבערשטן. אט דאס אליין דאס איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן.

דער רבי האט טאקע געזאגט אמאל צו רבי נתן'ען[כ]: "ווערסטו אמאל ריטשע רויט פארן אויבערשטן?!". 'ריטשע רויט' איז א לשון אין אוקריינע, 'שטארק רויט'. ער שעמט זיך און ווערט אזוי רויט.

---

[יח] ברכות יב:

[יט] וזל"ש: "כִּי **עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הִיא עַל יְדֵי הַבּוּשָׁה**, וְעַל יְדֵי זֶה הַמַּנְהִיג בְּחִינַת משֶׁה, שֶׁהוּא מִסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, וּמִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ, וְזוֹכֶה לְבֵאוּרֵי הַתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ לְחִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא, עַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ בּוּשָׁה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְאָז רוֹאֶה כָּל אֶחָד אֶת בָּשְׁתּוֹ וּכְלִמָּתוֹ. כִּי עֲבֵרָה הִיא בְּוַדַּאי בּוּשָׁה גְּדוֹלָה, כִּי עֲבֵרָה אֵינָהּ רְאוּיָה כְּלָל לְיִשְׂרָאֵל, וּבְוַדַּאי אֵין נָאֶה כְּלָל לְיִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עֲבֵרָה, חַס וְשָׁלוֹם. **אֲבָל גַּם מִצְוָה, כְּשֶׁרוֹצִין לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ גַּם כֵּן בּוּשָׁה גְּדוֹלָה, כִּי אֵיזֶה זְכוּת יֵשׁ לוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לַעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה, וְאֵיךְ יָעֵז פָּנָיו לִכְנֹס בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה?** וִישַׁעֵר בְּדַעְתּוֹ לִפְנֵי מִי הוּא עוֹשֶׂה הַמִּצְוָה, וְגַם גֹּדֶל מַעֲלַת הַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ, כִּי הַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ יְקָרָה מְאֹד אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר, וּבְוַדַּאי רָאוּי שֶׁיִּפֹּל עָלָיו בּוּשָׁה גְּדוֹלָה כְּשֶׁבָּא לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה, כְּשֶׁיִּסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ וְיִרְאֶה שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵין לוֹ שׁוּם זְכוּת שֶׁיִּזְכֶּה לַעֲשׂוֹת מִצְוָה. **וְאִם הָיָה לְהָאָדָם בּוּשָׁה, הָיָה מִתְבַּיֵּשׁ אֲפִלּוּ לִקַּח הַמַּאֲכָל, לְהוֹשִׁיטוֹ לְפִיו**, כִּי 'מָאן דְּאָכֵל דְּלָאו דִּילֵהּ בָּהִית לְאִסְתַּכּוּלֵי בְּאַפֵּהּ' (יְרוּשַׁלְמִי פֶּרֶק א דְּעָרְלָה), וּמֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם זְכוּת, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֹכֶל, אִם כֵּן הוּא אָכֵל דְּלָאו דִּילֵהּ וּבָהִית לְאִסְתַּכּוּלֵי בְּאַפֵּהּ, עַל כֵּן בְּוַדַּאי יֵשׁ לוֹ לְהִתְבַּיֵּשׁ אֲפִלּוּ לְהוֹשִׁיט הַמַּאֲכָל לְפִיו".

[כ] הובא בשיש"ק ח"ב (חדש), אות ס"ט.

למשל, אז דו האסט התבודדות, ווערסטו אמאל אזוי רויט פארן אויבערשטן? ווערסטו אזוי פארשעמט אז דו זאלסט ווערן ריטשע רויט פארן אויבערשטן?! און מען דארף ווערן רויט פארן אויבערשטן בשעת קיינער איז נישטא, ווען איך שעם זיך נישט (משום אדם), קיינער וועט נישט דערציילן, אבער דער אויבערשטער איז דאך א 'בוחן לבות וכליות', ער ווייסט דאך אלעס, דארף איך ווערן רויט פארן אויבערשטן, ווערן פארשעמט, אט דאס איז דער עיקר תשובה, אט דאס איז דער 'אור התפילין'.

❖

## שעם זיך כאטש

דער רבי זאגט ווייטער[כא] (סעיף ו'): "וּמֹשֶׁה זָכָה לְאוֹר הַתְּפִלִּין" - דער 'אור התפילין' איז דאך דער 'אור הבושה'.

דא שטייט[כב]: "ומשה גם-כן זכה". אבער אין דעם כתב יד פון רבי'ן איז נישט געשטאנען דעם ווארט "גם-כן", נאר "ומשה זכה לאור התפילין" - 'משה האט זוכה געווען צום אור התפילין'. פאַר משה'ן איז נישט געווען איינער וואס זאל האבן דעם אור התפילין. "גם-כן" איז שייך צו זאגן אז עס איז פריער אויך געווען איינער. עס איז געווען צדיקים פאר משה'ן, אבער דער 'אור התפילין' האט משה געהאט אויף

---

[כא] וזל"ש: "**וּמֹשֶׁה גַּם-כֵּן זָכָה לְאוֹר הַתְּפִלִּין**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (בְּהַשְׁמָטוֹת בְּרֵאשִׁית רס"ב): "וַיִּתְנַצְּלוּ אֶת עֶדְיָם" דָּא תְּפִלִּין. "וּמֹשֶׁה יִקַּח אֶת הָאֹהֶל" שֶׁלָּקַח אוֹתָן הָאוֹרוֹת, מִלְּשׁוֹן (אִיּוֹב כ"ט): "בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי". (עַיֵּן בַּזֹּהַר בְּרֵאשִׁית נ"ב: כִּי תִשָּׂא קצ"ד.).

[כב] במהדורת ר' שמואל הורוויץ ז"ל ובעוד מהדורות נרשם בשולי הדף: "**בכת"י ליתא לתיבת ג"כ**". ומקורו מהגהת הרב מטשעהרין ז"ל במהדורת תרל"ו. ולזה מתכוון רלוי"צ ז"ל. (ר' שמואל אברהם תפילינסקי)

זיך. דער זוהר זאגט[כג], אז יעקב איז געווען 'תפארת'[כד]. איז ער דאך אויך געווען 'בושה'. יעקב און משה זענען אין דער זאך געווען גלייך[כה]. הייסט עס, אזוי ווי משה[כו].

עס שטייט אין דער תורה[כז]: ביי משה רבינו איז געווען "כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו" - דאס פנים פון משה רבינו האט געלויכטן. זאגט דער רבי, דאס איז דער אור הבושה, עס איז געלעגן א בושה על פניו. דער רבי זאגט ווייטער[כח], אז עס איז פארהאנען א בושה וואס דער מענטש שעמט זיך אבער אויפן פנים דערקענט מען נאך נישט דער בושה,

---

[כג] יתרו צג:

[כד] עיי"ש בתורה, אות ה': וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת י"א): **תְּפִלִּין נִקְרָאִין פְּאֵר**, שֶׁנֶּאֱמַר: "פְּאֵרְךָ חֲבוֹשׁ עָלֶיךָ". **וּפְאֵר הוּא כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין**, כִּי הַהִתְפָּאֲרוּת עַל יְדֵי כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה מ"ט): "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר". כִּי הֵם כְּלוּלִין מִגְּוָנִין סַגִּיאִין. **וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, כְּשֶׁאָדָם מִתְבַּיֵּשׁ נַעֲשֶׂה כַּמָּה גְּוָנִין**".

[כה] עי' "יקרא דשבתא" על תורה זו: "'והאכלתיך נחלת יעקב אביך' - 'דא זעיר אנפין', בחינת 'תפארת', זה בחינת היראה והבושה שהוא בחינת תפארת, כלליות הגוונין, בחינת תפילין, כמבואר בפנים. (ועיין גם לקמן בפנים במאמר 'ואכלתם אכול ושבוע' סימן מ"ז, מבואר גם כן שיעקב הוא סוד בחינת תפילין). וזה בחינת "ביראתך" 'בזכות יעקב שאמר מה נורא' וכו'. וזה בחינת "**לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחוורו**" וכו' (ישעיה כט), **כי מאחר שזכה לבושה ויראה דקדושה שהוא בחינת אור התפילין, על כן אין לו ליבוש משום אדם, אדרבא, כולם צריכין להתבייש לפניו בבחינת "ויראו ממך"** וכמבואר בפנים".

[כו] לפי זה אפשר לתרץ גירסת "**גם-כן**".

[כז] שם: וְזֶהוּ (שְׁמוֹת לד, כט): "**כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו**", עַל שֵׁם קֶרֶן אַחַת הָיָה לוֹ בְּמִצְחוֹ (חֻלִּין ס'). **זֶה בְּחִינַת תְּפִלִּין**, שֶׁהוּא בַּמֵּצַח. וְעַל יְדֵי זֶה "וַיִּירְאוּ מִגֶּשֶׁת אֵלָיו", כִּי הֵאִיר עֲלֵיהֶם הַיִּרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אָז תָּבִין יִרְאַת ה'" וְכוּ'".

[כח] שם אות ה': "וּכְשֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ, בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא. כִּי עַד עַכְשָׁו הִשְׁלִיךְ חֲטָאתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וְלֹא עִיֵּן בָּהֶם, וְעַכְשָׁו כְּשֶׁיּוֹדֵעַ אוֹתָם, אֲזַי נִכְנָס בּוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו, כְּנֶגֶד רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין. **וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת עֲדַיִן אֵינֶנָּה בְּפֹעַל, הַיְנוּ שֶׁהַבּוּשָׁה הוּא בִּפְנִימִיּוּת, וְאֵין מִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים סט, ח): "**כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי**". כִּי זֹאת הַבּוּשָׁה הִיא קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה, **וְזֶה יָדוּעַ אֵין דּוֹמֶה בֶּן כְּפָר לְבֶן כְּרַךְ. כָּל מַה שֶּׁמְּקֹרָב בְּיוֹתֵר אֶל הַמֶּלֶךְ בָּשְׁתּוֹ גָּדוֹל. וְכָל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּיוֹתֵר בִּכְבוֹד הַמֶּלֶךְ, הוּא בּוֹשׁ יוֹתֵר מֵהַמֶּלֶךְ**. וְקֹדֶם הַתְּשׁוּבָה, עֲדַיִן יְדִיעָתוֹ בְּקַטְנוּת. עַל יְדֵי זֶה בָּשְׁתּוֹ אֵינוֹ בְּפֹעַל עַל פָּנָיו, כִּי חֲטָאתָיו מְטַמְטְמִין שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ, עַל יְדֵי רוּחַ שְׁטוּת שֶׁבְּקִרְבּוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (סוֹטָה ג'): 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה' וְכוּ'. אֲבָל אַחַר כָּךְ **כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, וּמֵסִיר מִמֶּנּוּ הַטִּפְּשׁוּת, וְנִתּוֹסֵף בּוֹ שִׂכְלוֹ. אֲזַי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּיוֹתֵר, וְנִתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו. וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין**", וכו', עיי"ש.

דאס איז נאך נישט קיין שלימות. די שלימות איז, עס זאל זיין א בושה על פניו, עס זאל פארדעקן א בושה על פניו.

פונדעסטוועגן ווייזט פון דאנעט אויס, אז אפילו מען האט נאר די בושה אינעווייניג (איז אויך געוואלדיג)! דאס אז די בושה זאל זיין על פניו, דער פנים זאל זיין פול מיט בושה, דאס איז א מדריגה פון צדיקים. "כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי" - א בושה האט פארדעקט מיין פנים - דוד המלך איז פול געווען מיט בושה פארן אויבערשטן. נאר וואס דען, לאמיר כאטש אין הארץ האבן א בושה, כאטש עס איז נישט 'על פניו', לאמיר זיך שעמען פארן אויבערשטן אין הארץ. אוודאי, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען שעמט זיך אין הארץ און מען רעדט, ווערט אמאל 'ניכר על פניו' אויך, מען דערקענט אויך אויפן פנים א בושה[כט].

"א מענטש דארף אין אלע צייטן זיך ארומזוכן צו ער איז דבוק אינעם אויבערשטן. און דער סימן איז, בושה". דאס ווייסט ער דאך ביי זיך צו איך שעם זיך! אז 'איך שעם זיך פארן אויבערשטן' איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן. און אז ער שעמט זיך נישט איז ער נישט דבוק. נאר וואס דען? ער קען זיך שוין געבן א כאפ צוריק: 'געוואלד, פארוואס שעם איך זיך נישט?!' מען דארף דאס מאכן פאר א טענה: 'רבונו-של-עולם, פאר א קליין קינד שעם איך זיך און פאר דיר נישט. וואס איז? דאס קינד וועט דערציילן יענעם! פאר דיר שעם איך זיך נישט!?'.

❖

[כט] עי' "השתפכות הנפש", אות נ"ח, שמעתיק מ"ליקוטי עצות" עצה זו, ומסיים שם בזה"ל: "**אָמַר הַמַּעְתִּיק: מִכָּאן סַעַד לְמַה שֶּׁמּוּבָא לְעֵיל בְּאוֹת מ"ה** (חיי מוהר"ן ת"מ)**, מַה שֶּׁאָמַר שֶׁיְּכוֹלִים לְהַכִּיר בְּאֶחָד אִם יֵשׁ לוֹ הִתְבּוֹדְדוּת, כִּי עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלָּה עַל פָּנָיו בּוּשָׁה גְּדוֹלָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל**".

# א שטומער קעניג...

(ממשיך באות ב׳:) **זאגט דער רבי**[ל]**: מען קען נישט קומען צו דער בחינה פון תפילין, דאס הייסט, צו דער בושה, נאר אז מען זאל מעלה זיין דעם דיבור און מען זאל אים פאררעכטן. דער רבי וועט רעדן ווייטער**[לא] **פון ׳העלאת הדיבור׳ און ׳תיקון הדיבור׳. דער רבי זאגט צוויי זאכן: ׳מעלה זיין דעם דיבור׳ און ׳פאררעכטן דעם דיבור׳. וויזן וויזט אויס ווייטער, אז צו מעלה זיין דעם דיבור איז דער עיקר אז ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים, ער רעדט צום אויבערשטן ווארעמע דיבורים. דער רבי זאגט: דאס איז דער ״שֹׁרֶשׁ אֲמִתִּי שֶׁל הָאֱמֶת שֶׁל הַדִּבּוּר״. עס איז דא אסאך גוטע דיבורים, נאר דער ״שורש אמיתי של האמת של הדיבור״ איז אין האַרץ, ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים!**[לב]

**דער דיבור וואס ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים מיט אַן אמת**[לג] **אט דער דיבור וועט אים צוגעבן אומעטום - ביים לערנען איז עס אַן אנדערע לערנען, עס איז אַן אנדער דאווענען, עס איז גאר עפעס אנדערש. דער ׳שורש אמיתי של הדיבור׳ איז, צו רעדן צום אויבערשטן דיבורים.**

---

[ל] וזל״ש: ״**וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לִבְחִינַת תְּפִלִּין, אֶלָּא שֶׁיַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר וִיתַקְּנֵהוּ.** כִּי **הַדִּבּוּר** שֶׁהוּא רוּחַ פִּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא בְּחִינַת **מַלְכוּת פֶּה.** הוּא בְּחִינַת יָם, שֶׁכָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִים לְתוֹכוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת א): **כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִים אֶל הַיָּם.** וְהוּא בְּחִינַת אֲדֹנָי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ״א): ׳אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח׳״.

[לא] אות ג׳ וד׳.

[לב] וזל״ש, אות ה׳: ״**וּכְשֶׁמַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ**, הַיְנוּ לִגְבוּרוֹת, **וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת**, וּמְעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אֲזַי נִכְנָס אוֹר שֹׁרֶשׁ שֶׁל הַגְּבוּרוֹת, הַיְנוּ חֲמִימוּת הַלֵּב כִּי שֹׁרֶשׁ הַגְּבוּרוֹת הֵם בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל״ט): ״חַם לִבִּי בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי״ וְכוּ׳. **וְשָׁם שֹׁרֶשׁ אֲמִתִּי שֶׁל הָאֱמֶת שֶׁל הַדִּבּוּר**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ט״ו): ״וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ״. וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בַּחֲמִימוּת שֶׁבַּלֵּב, דְּבַר אֱמֶת שֶׁבַּלֵּב״.

[לג] עיי״ש אות ג׳: ״**וְהַתְחָלַת עֲלִיּוֹת שֶׁל הַדִּבּוּר, הוּא מֵרֹאשׁוֹ. הַיְנוּ מֵהַמֻּבְחָר הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר, שֶׁהוּא נִקְרָא רֹאשׁ**״.

קען מען נישט קומען צו דער זאך פון תפילין, נאר דורך 'העלאת הדיבור' און 'פאררעכטן דעם דיבור'. ווארום דער דיבור דאס איז דער רוח פיו של הקב"ה, דאס איז 'מלכות פה', בחינת 'ים' [- די תורה האט דאך דער רבי געזאגט שבת שירה (- שירת הים!)].

א פסוק איז דא אין קהלת: "כָּל הַנְּחָלִים הֹלְכִים אֶל הַיָּם" - אלע טייכן גייען אלץ אריין אין ים אריין. דער רבי זאגט דא[לד], אז 'ים' מיינט מען דעם 'דיבור'. דער דיבור איז א מין שורש'דיגע זאך, אלעס גייט אריין אין 'דיבור'. אז דער דיבור איז גאנץ, דער דיבור איז פאררעכטן, איז דאס 'מלכות פה'.

- וואס איז 'מלכות'? אין די ספירות הקדושות איז דאך מלכות אליין גארנישט. מלכות איז די קלענסטע ספירה. למשל, איינער איז א מלך, איבער ווען איז ער א מלך? דער מלך אליין אויב ער האט נישט קיין שרי מלוכה איז ער גארנישט. מוז ער דאך אנקומען צו יענעם, "כי אין מלך בלא עם". אפילו אויב אויף זיך איז ער א מלך, האט ער שוין א בני בית, איז ער שוין א מושל אין שטוב. איז מלכות אליין – "לית לה מגרמה כלום"[לה] - פאר זיך אליין האט זי גארנישט. נאר וואס דען? אלע ספירות מוזן אנקומען צו מלכות; אז איינער איז 'חסד', מוז ער אנקומען צו מלכות אז ער זאל זיין א מושל מיט דעם חסד און אויסנוצן דעם חסד אזוי ווי מען דארף. חסד איז דאך אהבה, און מיט אהבה קען מען האבן 'אהבת התורה', מען קען האבן 'אהבת הצדיקים', 'אהבת השי"ת', 'אהבת חברים'. און מען קען האבן אהבה צו תאוות רעות, מען קען האבן אהבה צו געלט און אלעס. מוז מען האבן מלכות אויף חסד, זיין א מושל מיט דעם חסד אויף וואס אויסצונוצן דעם חסד.

און אזוי ווייטער, 'גבורה'. 'גבורה' באטרעפט 'יראה'. 'יראת השם' 'יראת חטא' 'מורא רבך', דאס איז אלץ גבורה. און וואו א רוצח, וואו א גזלן, נעמט זיך אויך פון גבורה; פון דעם כח פון גבורה איז ער א רוצח, הרג'עט ער מענטשן. מוז דאך גבורה אויך אנקומען צו מלכות, מען דארף זיין א מושל איבער וואס צו האבן דער גבורה.

---

[לד] עי' הערה ל.

[לה] זוהר ויחי דף רלח-רלט.

קומט אויס, מלכות פאר זיך אליין איז גארנישט, אבער אלע העכערע מוזן אנקומען צו מלכות - דו זאלסט זיין א מלך ווי אזוי זאלסטו פירן דער גבורה, ווי אזוי זאלסטו פירן דעם חסד. קומט אויס, אז דער 'דיבור' וואס דאס איז 'מלכות פה', איז 'כל הנחלים הולכים אל הים' - אלע גייען אריין אין ים, אלע ספירות מוזן אנקומען צום דיבור, צו 'מלכות פה'. אָן 'מלכות פה' האט ער גארנישט. אויב ער וועט נישט זיין קיין מושל מיט דער ספירה פון גבורה, מיט דער ספירה פון חסד, צו דער ספירה פון תפארת, און ווייטער נצח - אלע ספירות, אויב ער וועט נישט זיין קיין מושל און אויסנוצן דער ספירה ווי מען דארף, טויג עס נישט.

איז "כל הנחלים הולכים אל הים" - אלע גייען אריין אין ים אריין, אלע גייען אריין אין דעם דיבור. דער דיבור איז 'מלכות פה'. זאגט דער רבי: דאס איז די זאך פון אדנ"י. אדנ"י איז דאך מלכות. "אֲדֹנָ"י - שְׂפָתַי תִּפְתָּח", אז איך עפן אויף דאס מויל מיט דיבורים בין איך א מלך, בין איך א מושל. מלכות-פה. דערפאר טאקע ביים רבי'ן איז געווען דער עיקר 'דער דיבור', ווייל מיט דעם דיבור איז דער מענטש א מושל - דער מויל איז א מלכות[לו]. אבער אז דאס מויל איז פארמאכט טוהט ער דאך גארנישט. "אין מלך בלא עם"; דאס פאלק ווייסט נישט וואס דער מלך וויל סיידן ער זאל ארויסרעדן און ארויסגעבן זיינע גזירות און זיינע חוקים. טאקע 'מלכות-פה', מיטן 'פה' קען מען זיין מלך. א שטומער מלך וועט גארנישט העלפן; 'וואספארא מלך איז ער?!'[לז]

❖

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י"ד: "**עִקַּר כֹּחַ מַלְכוּת הָאֲמִתִּי דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת מָשִׁיחַ הוּא עַל יְדֵי הַדִּבּוּר בִּבְחִינַת מַלְכוּת פֶּה. כִּי הַמֶּלֶךְ מַנְהִיג כָּל מַלְכוּתוֹ עַל יְדֵי הַדִּבּוּר, וְכָל נִצְחוֹן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא עַל יְדֵי הַדִּבּוּר** כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁיִּסַּד דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁהוּא שֹׁרֶשׁ מַלְכוּת מָשִׁיחַ, שֶׁהוּא הָיָה לוֹחֵם מִלְחֲמוֹת ה' כָּל יָמָיו בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת וְנִצַּח כֻּלָּם עַל יְדֵי הַדִּבּוּר פֶּה דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי רִבּוּי תְּפִלּוֹת בְּלִי שִׁעוּר עַד שֶׁכָּלַל כֻּלָּם בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ בְּסֵפֶר תְּהִלִּים. **וְעַל כֵּן זָכָה בֶּאֱמֶת לְמַלְכוּת נִצְחִי שֶׁהִיא מַלְכוּת מָשִׁיחַ**".

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ב: "כִּי **הַמַּלְכוּת** נִקְרָא **דִּבּוּר**, עַל שֵׁם '**כִּי אֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עָם**', וְאֵין הָעָם יוֹדְעִים רְצוֹנוֹ אֶלָּא אִם כֵּן כְּשֶׁהַמֶּלֶךְ מְגַלֶּה מַחֲשַׁבְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ לְתוֹךְ דִּבּוּרוֹ. **נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַנְהָגוֹת מַלְכוּתוֹ**

# א שטורעם ווינט וואס שטורעמט

דאס איז אלץ גערעדט געווארן אז דער דיבור איז כהוגן און מען רעדט וואס מען דארף רעדן, דעמאלט איז דער דיבור, אדנ"י, 'מלכות'. אבער אז מען איז פוגם אין דעם דיבור, ווערט פון דער 'רוח פיו' א 'רוח סערה', א שטורעם ווינט וואס שטורעמט.

- דער רבי זאגט דא[לח]: עס איז דא כ"ז אותיות; כ"ב אותיות מיט די מנצפ"ך כפולים, איז כ"ז אותיות. און יעדער אות איז כלול פון צעהן – א לשון פון זוהר. און כ"ז פעמים צעהן, איז "ר"ע", צוויי-הונדערט זיבעציג. און אדנ"י באטרעפט, ס"ה. איז דא דער צירוף פון "סער"ה". עס איז דאך א געוואלד דא, ס"ה איז דער שם אדנ"י, און ר"ע איז די כ"ז אותיות, איז דאך דאס אלץ גוטע זאכענישן. אין סער"ה איז דא ס"ה און ר"ע. קומט אוים, אויפן גוטן אופן איז ר"ע, די כ"ז אותיות, דער דיבור. און ס"ה איז דער שם אדנ"י. און אויב מען איז פוגם אין דעם דיבור ווערט נישט קיין שום זאך אנדערש נאר עס ווערט א צירוף פון סערה, עס שטעלט זיך צונויף דער ס"ה מיט דעם ר"ע און עס ווערט א 'רוח סערה'.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה פון "אנכי"[לט], אז א מענטש טוהט עפעס א זאך, מאכט ער א צירוף רע אין דער תורה. זאגט דער רבי דארט, די אותיות אליין

---

**אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי דִּבּוּר**, וְזֶה פֵּרוּשׁ: **'מַלְכוּת פֶּה'**". גם עי"ש סי' י"ח, אות ו': "**וְאוֹתִיּוֹת הֵם בְּמַלְכוּת וּמַנְהִיגוּת הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת 'מַלְכוּת פֶּה', כִּי עִקַּר הַהַנְהָגָה עַל יְדֵי הַדִּבּוּר, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג וּלְצַוּוֹת אֶלָּא עַל יְדֵי הַדִּבּוּר**".

[לח] אות ב': "וּכְשֶׁפּוֹגְמִין הַדִּבּוּר שֶׁהוּא אֲדֹנָ"י, אָז עַל יְדֵי הַפְּגָם, נַעֲשֶׂה מֵרוּחַ פִּיו, רוּחַ סְעָרָה. כִּי כ"ז אוֹתִיּוֹת כָּל אֶחָד כָּלוּל מֵעֲשָׂרָה, גִּימַטְרִיָּא ר"ע. וְנַעֲשֶׂה מִבְּחִינַת הַדִּבּוּר, הַיְנוּ מִבְּחִינַת אֲדֹנָי, ר"ע אוֹתִיּוֹת, סְעָרָה. **ס"ה** הוּא אֲדֹנָ"י, **וְר"ע** אוֹתִיּוֹת. וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים קמ"ח): "**רוּחַ סְעָרָה עוֹשָׂה דְבָרוֹ**", שֶׁעוֹשִׂים וּמְתַקְּנִים אֶת הַדִּבּוּר, **וּמַעֲלִים אוֹתוֹ מִבְּחִינַת רוּחַ סְעָרָה**".

[לט] ליקוטי מוהר"ן סי' ד', אות ה': "**וַעֲווֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם הֵם עַל עַצְמוֹתָיו**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל ל; "ב): "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". וְכָל עֲבֵרָה יֵשׁ לָהּ צֵרוּף אוֹתִיּוֹת, **וּכְשֶׁעָבַר אֵיזֶה עֲבֵרָה, אֲזַי נֶחְקָק צֵרוּף רַע עַל עַצְמוֹתָיו וְעַל יְדֵי זֶה מַכְנִיס בְּחִינַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו הַזֶּה שֶׁעָבַר בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה. הַיְנוּ שֶׁמַּכְנִיס בְּחִינַת**

זענען זיך נוקם אין אים. למשל, אז דער מענטש טוהט עפעס אַן עבירה אויף וואס עס שטייט אין דער תורה "לא", מען זאל נישט טוהן דער זאך, און ער טוהט יא, מאכט ער נישט קיין אנדערע זאך נאר ער נעמט און מאכט אַן אנדערן צירוף אין דער תורה, ער מאכט א צירוף רע. און דער צירוף רע, זאגט דער רבי, ווערט אויסגעקריצט אויף די ביינער און זיי זענען זיך נוקם אין אים – 'פארוואס האסטו מיר געמאכט א צירוף רע? איך בין דאך א צירוף אין דער תורה אויף א גוטן צירוף!' אז די זאך טאר מען נישט טוהן, צו מען דארף דאס יא טוהן, אז דו ביסט פוגם, קומט טאקע נישט צו קיין נייע אותיות, אבער פון די אייגענע אותיות ווערט אַן אנדערער צירוף, עס ווערט א צירוף רע. האסטו דאך געמאכט א צירוף רע, זענען די אותיות אליין זיך נוקם אין אים - 'פארוואס האסטו מיר געמאכט פאר א צירוף רע?!'.

דער מדרש[מ] זאגט טאקע, אז שלמה המלך האט גענומען דארטן (הרבה נשים). איז געקומען דער יו"ד וואס שטייט "ולא ירבה"[מא] צום אויבערשטן אז שלמה האט צוגענומען פון מיר אַן אות און מארגן וועט אַן אנדערער צונעמען אַן אנדער אות, וועט דאך בטל ווערן דער תורה!? האט דער אויבערשטער געזאגט: "שלמה ואלף כיוצא בו יהיו בטלין וקוצה ממך איני מבטל!".

וואס זעהען מיר ארויס דערפון? דער רבי זאגט, אז מען איז פוגם אין דעם דיבור ווערט א רוח סערה. ווי אזוי שטעלט זיך צונויף דער סערה? ס"ה פון אדנ"י, און ר"ע פון די אותיות. דאס איז דאך אליך גוטע זאכענישן, נאר וויבאלד אז ער איז פוגם אינעם דיבור מאכט ער א צירוף פון סער"ה, ווערט א 'רוח סערה'. וואס א מענטש

---

**מַלְכוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּבָּר אֶחָד לַדּוֹר, הוּא מַכְנִיס אוֹתָהּ בְּתוֹךְ הָעַכּוּ"ם, וְנוֹתֵן לָהֶם מֶמְשָׁלָה. לְמָשָׁל, אִם עָבַר עַל דִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱזַי מַחֲרִיב הַצֵּרוּף הַטּוֹב שֶׁל הַדִּבּוּר, וּבוֹנֶה צֵרוּף רַע, וְנֶחְקָק הַצֵּרוּף הַזֶּה עַל עַצְמוֹתָיו, וְנוֹקֵם בּוֹ.** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָהוּ ה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה", וּכְתִיב (תְּהִלִּים ל"ד): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה". **וְעַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו הָאוֹתִיּוֹת הַחֲקוּקִים עֲלֵיהֶם, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם הַדִּבּוּר שֶׁל הַוִּדּוּי. כִּי הַדִּבּוּר יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ל"ה): "כָּל עַצְמֹתַי תֹּאמַרְנָה". **וּמַחֲרִיב הַבִּנְיָן וְהַצֵּרוּף הָרָע, וּבוֹנֶה מֵהֶם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה".**

[מ] פר' וארא פר' ו', פס' א'.

[מא] דברים יז, טז.

קען טוהן... אז איך בין מקיים די אותיות אזוי ווי עס שטייט, איז א גוטער צירוף; דער 'לאו' און דער 'עשה' אז מען איז מקיים, איז גוט, ער איז דבוק אין די אותיות התורה, איז טאקע מלכות, ים, און דעמאלט קומט ער צו בושה, שעמט ער זיך פארן אויבערשטן. אבער וויבאלד ער איז פוגם אין דעם דיבור, ווערט פון דעם ס"ה פון אדנ"י, און פון דעם ר"ע פון די כ"ז אותיות, 'סערה'.

א קליין תורה'לע איז דא אין "ליקוטי מוהר"ן"[מב]. זאגט דער רבי דארט דעם לשון פון זוהר הקדוש: "'תיקו' – מחוסר תיקון". כמה פעמים שטייט אין גמרא, "תיקו". וואס איז "תיקו"? מען פרעגט און מען ענטפערט נישט. זאגט דער זוהר הקדוש, 'תיקו' איז 'מחוסר תיקון', עס פעלט דעם תיקון, מען ענטפערט דאך נישט, מען לאזט עס איבער. עס וועט קומען אליהו, וועט ער פארענטפערן, אבער דערווייל ווייס איך דאך נישט, תיקו. זאגט דער רבי, וואס פעלט? דער נו"ן פעלט. אז איך נעם אראפ דעם נו"ן פון תיקון מאכט עס תיקו. דער לעצטער נו"ן פעלט. נאך, זאגט דער רבי, דער לעצטער נו"ן פעלט אויך נישט; נאר וואס דען? א לאנגער נו"ן ביים סוף ווארט, מאכט דאס 'תיקון'. אבער אז דער נו"ן ווערט אויסגעקרימט, ער שטייט אינדערמיט, מאכט עס "קינות". פירט דער רבי אויס: 'ה' יגאלנו' עס זאל נתהפך ווערן פון 'קינות' צוריק אויף 'תיקון'. קומט דאך דארטן אויך אויס, אז 'קינות' מיט 'תיקון' איז די אייגענע אותיות.

(ר' נחמן בורשטיין: אין דער תורה דארט ביי בנות צלפחד ביי "ויקרב משה את משפטן"[מג] איז דא א גרויסער לאנגער נו"ן [- נון רבתי]. קיינער זאגט נישט קיין פשט אויף דעם, איך האב געזוכט. אבער אין דעם רבי'נס זאך איז עס זייער גוט, עס איז געווען אַן ענין פון א 'תיקו', איינע פון די זאכן וואס משה האט ["נתעלמה הלכה ממנו". רש"י.])

---

[מב] סי' רמ"ז: "אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (רַעְיָא מְהֵימְנָא צַו כ"ז:): שֶׁ"תֵּיקוּ" הַנֶּאֱמַר בַּשַּׁ"ס הוּא בְּחִינַת מְחֻסַּר תִּקּוּן, דְּהַיְנוּ שֶׁנֶּחְסָר הַנּוּן שֶׁל תִּיקּוּן וְנַעֲשֶׂה תֵּיקוּ. וְדַע שֶׁזֹּאת הַנּוּן פְּשׁוּטָה כְּשֶׁנֶּחְסֶרֶת מֵהַתִּיקּוּן וְנַעֲשֶׂה בְּחִינַת תֵּיקוּ כַּנַּ"ל, אֲזַי הִיא נִשְׁפֶּלֶת וְנִכְפֶּפֶת וְנַעֲשֶׂה מִזֶּה בְּחִינַת קִינוֹת שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת תִּיקּוּן, רַק שֶׁהַנּוּן נִכְפֶּפֶת כַּנַּ"ל, ה' יִגְאָלֵנוּ וְיִתְהַפְּכוּ הַקִּינוֹת לְתִיקּוּן, וְיִתְתַּקֵּן הַתֵּיקוּ הַנַּ"ל".

[מג] במדבר כז, ה.

רעדן מיר דא, אז דער רבי זאגט, אז מען איז פוגם אין דעם דיבור ווערט א צירוף פון סערה. דערפאר, "רוח סערה עושה דברו", מען דארף פאררעכטן דעם דיבור. דער רוח סערה איז טאקע נאר 'בשעתו'[מד], ווייל דא קומט דאך אויס אז 'סערה' איז דאך הייליגע אותיות. ס"ה איז שם אדנ"י, און ר"ע איז כ"ז אותיות. דערפאר איז דער 'רוח סערה' נאר 'גדול בשעתו', ווייל מען קען דאך אים נישט אויסרייסן, דאס איז דאך הייליגע אותיות. דארף מען 'רוח סערה עושה דברו', פאררעכטן דעם דיבור, וועט די ס"ה ווערן א שם א-ד-נ-י, און דער ר"ע וועט ווערן כ"ז אותיות. אז מען וועט פאררעכטן דעם דיבור וועט ווערן א אנדערן צירוף. "וּמַעֲלִים אוֹתוֹ מִבְּחִינַת רוּחַ סְעָרָה"[מה].

❖

## ער ווארט אים אָפּ ביים טיר...

זאגט דער רבי אזוי[מו]: "וְרוּחַ סְעָרָה הַזֶּה" איז א "מְקַטְרֵג הַגָּדוֹל". פון אים נעמען זיך אלע קטרוגים און נסיונות. דער גאנצער מקטרג הגדול וואס ער ווערט, ווערט ער נאר פון דעם פגם הדיבור. פון פגם הדיבור ווערט נתעורר א מקטרג הגדול. ער איז "אחר הדברים", ער איז יונק פון דעם דיבור. ער שטייט נאכן דיבור און ער איז יונק ווען ער געפינט עפעס א פתח יונק צו זיין. "הַיְנוּ "לַפֶּתַח חַטָּאת". וּכְתִיב: "שְׁמֹר פִּתְחֵי פִּיךָ" וְכוּ'" - ער ליגט ביי דער טיר פון דעם דיבור און ער וואַרט ער זאל קענען פאקן עפעס א דיבור ער זאל קענען האבן א יניקה.

---

[מד] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ח', אות ג'.

[מה] עי' הערה ל"ח.

[מו] שם אות ב', בהמשך: "**וְרוּחַ סְעָרָה הַזֶּה, הוּא מְקַטְרֵג הַגָּדוֹל**, שֶׁמִּמֶּנּוּ בָּאִים כָּל הַקִּטְרוּגִים וְהַנִּסְיוֹנוֹת. **וְהוּא אַחַר הַדְּבָרִים**, שֶׁהוּא יוֹנֵק מֵהַדִּבּוּר, כְּשֶׁמּוֹצֵא פֶּתַח לִינֹק. הַיְנוּ "**לַפֶּתַח חַטָּאת**" (בְּרֵאשִׁית ד'): וּכְתִיב (מִיכָה ז'): "**שְׁמֹר פִּתְחֵי פִּיךָ**" וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (וַיֵּרָא קי"ט:): "**וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם". וְהוּא מְסָעֵר גּוּפֵהּ דְּבַר נַשׁ.**

א מענטש זאל דאס וויסן: א מענטש אז ער איז אַן ערליכער איד האט ער (- הבעל דבר) נישט אין וואס זיך אנצוכאפן אין אים, ליגט ער ביים מויל און ער ווארט צו ביז ער וועט רעדן עפעס א דיבור נישט אזוי ווי מען דארף, און מיט דעם כאפט ער און ער פאקט אים. "שמור פתחי פיך". 'שמור' איז אויך א לשון פון 'וואַרטן'[מז]. דער חטאת, דער יצר הרע ליגט ביים 'פתחי פיך' און ער ווארט טאמער וועט ער פאקן עפעס א דיבור פון וואס ער זאל האבן פון וואו יונק צו זיין. און וויבאלד אז ער איז יונק פון א דיבור האט ער שוין עפעס א שייכות, האט ער שוין וואס צו צוגיין. אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש טאקע ביי דער עקידה: "וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם" - ער שטייט נאכן דיבור; ווייל ער איז יונק פונעם דיבור הייסט ער "אחר הדברים". "וְהוּא מְסָעֵר גּוּפֵהּ דְּבַר נַשׁ".

דער רבי זאגט טאקע אין תורה כ"א[מח], דער רבי רעדט דארט פון די "ז' קני המנורה", אז דער 'נר האמצעי' איז דאס מויל! ביי די אלע אנדערע (חושים) זענען דאך דא 'צוויי נרות' - צוויי 'נקבי אוזן', צוויי 'אודנין', צוויי 'נקבי עיינין', צוויי 'נקבי חוטם'. די מנורה איז געווען דריי רערלעך פון צוויי נקבים. און דער נר האמצעי איז געווען איינע, דאס איז דאס מויל. און די אלע נרות האבן זיך געבויגן "אל מול פני המנורה" - אלע האבן זיך געבויגן צום מויל.

ווייזט אויס, אז צו היטן די שבעת הנרות - די אויגן, יראת שמים, די אויערן, (מוז מען היטן דעם דיבור), וויבאלד אז דער דיבור איז פגום, איז אלעס פגום. אלע בויגן זיך דאך צום דיבור, צום מויל. אז דאס מויל איז אפגעהיט האט ער נישט פון וואס צו יונק זיין.

---

[מז] עי' בראשית לז, יא - וברש"י שם.

[מח] אות ב', וזל"ש: "אֲבָל לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לָזֶה, אֶלָּא שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת פִּיו וְחָטְמוֹ וְעֵינָיו וְאָזְנָיו, וְהֵן הֵן מְאִירִין לוֹ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל. ... וְהֵן הֵן שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כִּי **פֶּה וּתְרֵין נֻקְבָּא חֹטְמָא וּתְרֵין עַיְנִין וּתְרֵין אֻדְנִין הֵם בְּחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת**, 'וּמְנַרְתָּא דָּא רֵישָׁא', הַיְנוּ הַמֹּחַ, וּפְנֵי הַמְּנוֹרָה הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל".

דער רבי זאגט טאקע אין תורה י"ט[מט]: "*כִּי זֶה בְּלֹא זֶה אִי אֶפְשָׁר*", 'לשון הקודש' און 'תיקון הברית' דאס קען נישט זיין איינער אָן דעם אנדערן. אז איינער וועט זאגן אז ער איז א הייליגער מענטש און זיין דיבור איז נישט אפגעהיט, דאס קען נישט זיין. אויב ער האלט ביי דעם ענין פון שמירת הברית, איז דער דיבור 'קודש', איז דער דיבור הייליג. און אז דער דיבור איז נישט אפגעהיט קען נישט זיין (שיהיה מתוקן), "זה בלא זה אי אפשר", עס ווערט דאך אזא מין רוח סערה, א שטורעם ווינט, פון דעם אז דער דיבור איז פגום.

❖

## "דו רעדסט ווי א חסר דיעה!"

מען האט גערעדט טאקע פריער פון בושה און פון עזות. וואס איז אַן עזות פנים? אויך מיטן דיבור! מיטן דיבור איז ער אַן עזות פנים.

טאקע ווען דער רבי איז געווען אין אומאן איז דער טירהאוויצער מגיד געקומען פון טירהאוויצע צום רבי'ן. ער פלעגט קומען קיין אומאן אכטונג געבן אויף די שוחטים - און דאס (- א.א.וו.) - עס איז דאך געווען זיין מגידות. איז געווען א גביר וואס ער פלעגט איינשטיין ביים אים. אבער אז דער רבי האט שוין געוואוינט אין אומאן איז ער איינגעשטאנען ביים רבי'ן. איז געקומען דער גביר, 'פארוואס זענט איר משנה דער אכסניא?' - אזוי האט געזאגט דער גביר צום טירהאוויצער מגיד. זאגט ער, 'דער רבי איז דא'. (ענה הגביר בחוצפה:) 'זאלט איר שוין כסדר משנה זיין דער אכסניא'. א גביר – ער האט דאך עזות. זאגט אים דער מגיד: "**דו רעדסט ווי א חסר דיעה**". איז דער גביר געווארן משוגע אלע יארן...

[מט] אות ג', וזל"ש: "בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ תָּלוּי תִּקּוּן הַבְּרִית, בִּבְחִינַת "מִכָּאן שֶׁנֶּאֱסַר לָהֶם עֲרָיוֹת", **כִּי זֶה בְּלֹא זֶה אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת**, הַיְנוּ תִּקּוּן הַבְּרִית וּשְׁלֵמוּת לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ הֵם תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה". גם עיי"ש שעיקר יניקת הנחש הוא מבחינת תרגום דהיינו מהדיבור שאינו בשלימות, ודו"ק.

מען רעדט דא, וואס איז דא געווען? [עזות!]. און נאך א זאך, מסתמא אז דער טירהאוויצער מגיד איז ביי אים געווען, ביי זיין אכסניא, איז ער נישט נאר געווען א גביר, נאר ער איז געווען אַן ערליכער איד! דער טירהאוויצער מגיד איז דאך געווען א הימל מענטש. מן הסתם איז ער געווען אַן ערליכער איד (-בעל האכסניא); נאר וואס איז געווען זיין זאך? ער איז געווען אַן עזות פנים! (ר' נחמן: "וְעָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת"![י]) עזות מיטן 'דיבור'. ער האט א זאג געגעבן אווארט: 'זאלט איר שוין כסדר משנה זיין דער אכסניא', אט דאס הייסט עזות.

❖

## צוויי מאל גיהנום

זאגט דער רבי[נא]: "וְכָל הַמַּלְשִׁינוּת וְהָרָעוֹת שֶׁדּוֹבְרִים עַל אָדָם, בָּא מֵרוּחַ סְעָרָה" - נעמט זיך אלץ פון דעם רוח סערה, "מֵאַחַר הַדְּבָרִים הַזֶּה". דער דיבור פגום מאכט אָן א רוח סערה, ער מאכט אָן א שטורעם. ווייטער ווערט דער רבי זאגן: "וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ".

די תורה איז געזאגט געווארן אין זלאטיפאליע, שבת שירה, עס איז נאך געווען ווינטער, תקס"ב. רבי נתן איז מקורב געווארן סוף תקס"ב, אלול[נב]. (ר' נחמן: דעמאלט איז נאך דער רבי נישט ארומגעפארן אין אוקריינע?[נג]) דעמאלט? איך ווייס נישט צו דער רבי

---

[י] משלי יח, כג.

[נא] שם בהמשך: וְכָל הַמַּלְשִׁינוּת וְהָרָעוֹת שֶׁדּוֹבְרִים עַל אָדָם, בָּא מֵרוּחַ סְעָרָה, מֵאַחַר הַדְּבָרִים הַזֶּה. כִּי הוּא בְּחִינַת **קֵץ כָּל בָּשָׂר** (בְּרֵאשִׁית ו') שֶׁעוֹשֶׂה קֵץ וְסוֹף לְכָל בָּשָׂר. וּבְנֵי אָדָם שֶׁהֵם דָּנִים אֶת כָּל אָדָם לְכַף חוֹבָה, וְחוֹקְרִים תָּמִיד עַל חוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם, הֵם מִבְּחִינַת קֵץ כָּל בָּשָׂר. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב כ"ח): "**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ וּלְכָל תַּכְלִית הוּא חוֹקֵר**", (עַיֵּן בַּזֹּהַר מִקֵּץ קצ"ג.), שֶׁהוּא חוֹקֵר תָּמִיד לַעֲשׂוֹת תַּכְלִית וְכִלָּיוֹן לְכָל דָּבָר, וּלְעוֹרֵר דִּין וּלְהַלְשִׁין וּלְקַטְרֵג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה נ"ז): "**וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ כִּי הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל**". וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לִרְאוֹת, לְאַכְפְּיָא סִטְרָא דְּקֵץ כָּל בָּשָׂר, תַּחַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה ... וּכְשֶׁהוּא כּוֹפֵף אֶת רוּחוֹ סְעָרָה, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא נוֹטֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַדִּבּוּרִים שֶׁנָּפְלוּ לְתוֹכוֹ, אָז "**יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה**" (תְּהִלִּים ק"ז).

[נב] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות ב'; חיי מוהר"ן אות קט"ו.

[נג] עי' חיי מוהר"ן, אות קכ"ו.

איז שוין דעמאלט געפארן קיין טשעהרין. ווייזן ווייזט אוים אז דער רבי איז נאך נישט געפארן (לטשעהרין על שבת שירה). ווייל אין מעדוועדיווקע איז דאך דער רבי געווען (כסדר) אין מעדוועדיווקע, עס איז ממילא לעבן טשעהרין. איז דער רבי נישט געפארן. אין זלאטיפאליע איז דער רבי געווען צוויי יאר. דער רבי האט דאך געזאגט דארט דעם לשון: "דא האב איך געליטן 'תרתי גיהנם'"[נד]. איז דער רבי נישט ארויסגעפארן פון דארטן. דער רבי איז געווען צוויי יאר דארטן. "כִּי מִשְׁפַּט רְשָׁעִים בַּגֵּיהִנֹּם שְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ[נה], וַאֲנִי סָבַלְתִּי יִסּוּרִים כָּאן שְׁתֵּי שָׁנִים".

(ר' נחמן: דער רבי איז דאך געפארן מיט זיין טאטן קיין באררדיטשוב - אזוי שטייט אין "חיי מוהר"ן"[נו], עס איז געווען דעמאלט, דעם רבי'נס א מחותן האט חתונה געמאכט אין באררדיטשוב). און נאך דעם איז דער רבי ארוים קיין ברסלב. ווען דער רבי איז געקומען פון באררדיטשוב איז ער געפארן קיין טולטשין. און דארטן איז געווען אנשי ברסלב, האט מען אים אנגענומען מיט דער הסכמה פון דעם רבי'ן ר' ברוך'ל. איז געווארן 'ברסלב'.

❖

## א דיבור צום אויבערשטן!

(חסר) ביים ים איז דאך געווען צוויי זאכן, די אידן זענען אריבער דער ים, און די מצרִים זענען דערטרונקען געווארן אין דעם ים. דער רבי זאגט דא אויך צוויי זאכן; פריער זאגט דער רבי, דער ים איז דער דיבור, "כל הנחלים הולכים אל הים". ווייטער

---

[נד] חיי מוהר"ן, אות קט"ו: "כְּשֶׁיָּצָא מִזְּלַאטִיפָּאלְיֶע בְּעֵת שֶׁכְּבָר בָּאוּ הָעֲגָלוֹת מִבְּרֶסְלַב בִּשְׁבִילוֹ לַהֲבִיאוֹ לִבְּרֶסְלַב אָמַר כָּאן בִּזְלַאטִיפָּאלְיֶע סָבַלְתִּי תַּרְתֵּי גֵּיהִנָּם, כִּי מִשְׁפַּט רְשָׁעִים בַּגֵּיהִנָּם שְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ, וַאֲנִי סָבַלְתִּי יִסּוּרִים כָּאן שְׁתֵּי שָׁנִים".

[נה] שבת לג:

[נו] עי' כ"ז בחיי מוהר"ן, אות קכ"ב: "בִּשְׁנַת תקס"ב בַּקַּיִץ קֹדֶם שֶׁיָּצָא מִזְּלַאטִיפָּאלְיֶע לִבְּרֶסְלַב, הָיָה בְּאוֹתוֹ הַקַּיִץ בְּבַּרְדִּיטְשׁוֹב עִם אָבִיו הָרַבָּנִי הֶחָסִיד הַוָּתִיק הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ רַבִּי שִׂמְחָה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְאָז הָיָה תֹּקֶף הַמַּחֲלֹקֶת ... וְשָׁם הָיָה קִבּוּץ שֶׁל כַּמָּה גְּדוֹלִים. כִּי מְחֻתָּנוֹ הָרַב הַגָּאוֹן מִוָּואלְטְשִׁיסְק עָשָׂה אָז שָׁם בְּבַּרְדִּיטְשׁוֹב נִשּׂוּאִין לִבְנוֹ מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ... וְקִבְּלוּהוּ לְפֹה בְּהַסְכָּמַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ בָּרוּךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְנִכְנַס לְשָׁם בַּחֲצִי אֱלוּל".

**זאגט דער רבי, "והרשעים כים נגרש", זיי שטורעמען אויך כים. רעדט דאך דער רבי דא פון דער ים, אויף צווייען. דער ים איז דאך א גוטע זאך, 'ים' איז 'מלכות', "כל הנחלים הולכים אל הים", א געוואלדיגע זאך. און** (פון דער אנדערער זייט)**, "והרשעים" אויך "כים נגרש, כי השקט לא יוכל", טאקע אזוי ווי עס איז דארט געווען ביים ים, די מצרִים זענען דערטרונקען געווארן.**

**אט דאס איז דער דיבור, דער דיבור איז א ים. אז עס איז א 'דיבור קדוש', הייליגע דיבורים, איז עס א ים, "כל הנחלים הולכים אל הים", 'מלכות פה', דער שם 'אדנ"י'. אבער טאמער איז עס דיבורים פגומים, איז עס א רוח סערה, ווערט מלשינות, אלע מידות רעות נעמען זיך אלץ פון דארטן, און ער** (הבע"ד) **ליגט און איז יונק. מיר ווייסן גארנישט וואס הייסט א דיבור, בפרט אז מיר קענען דאך רעדן מיט דעם דיבור צום אויבערשטן און עס וועט זיין א הייליגער דיבור. דער רבי זאגט דאך טאקע אין דער תורה ווייטער, דער 'שורש האמיתי של הדיבור' איז 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'. האבן מיר ביי זיך אזא מין אמת'ן שורש, 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'! געוואלד, עס איז א געוואלד! און חלילה פארקערט, קען מען מאכן אזא מין רוח סערה אז מען האט עפעס א דיבור פגום. דער מענטש האט אזא מין פארמעג, ער קען נעמען א דיבור און דאס רעדן צום אויבערשטן און דאס איז דער 'שורש אמיתי של הדיבור' אז עס איז גאר קיין העכערער דיבור נישטא!; און ער קען נעמען א 'דיבור פיו' וואס עס זאל מאכן א 'רוח סערה', א שטורעם!**

**מען דארף זיך מיישב זיין: 'רבונו-של-עולם! געוואלד און געשריגן, עפעס אזא מין בחירה האט דער מענטש!' רבי נתן האט דאך געזאגט צום רבי'ן**[נז]**: "רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!" מען זאגט נישט, נאר מען זאגט א תורה**[נח]**.**

---

[נז] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות ק"פ: "הנהגת רביה"ק בנתינת עצות היתה דבר פלא, כי מעולם לא נתן עצה במפורש לשואל לומר לו שיעשה כך וכך בדוקא; והגיעו הדברים לידי כך שאזר פעם מוהרנ"ת עוז ופנה לרבינו בתמיהה: "**רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!**", וענה רבינו ואמר לו: "**טאקע אזוי, טאקע אזוי!**".

[נח] עי' חיי מוהר"ן, אות כ"ט.

**איצטער רעדן מיר, ווי דער דיבור איז זייער חשוב, וואס מען קען זוכה זיין פון א דיבור - א געוואלד! 'א דיבור צום אויבערשטן'! מען וועט לעתיד וויסן דאס גרויסקייט פון רעדן א דיבור צום אויבערשטן!**[נט] **א ברסלב'ער חסיד וועט דאך ממש רייסן שטיקער פון זיך: 'געוואלד, געוואלד! דער רבי האט דאך געשריגן אז דאס איז דער שורש אמיתי של הדיבור - פארוואס האב איך גערעדט אנדערע דיבורים?!' אפילו 'נישט קיין לשון הרע', נישט קיין רכילות, סתם אזוי געפלאַפּלט, רעדן אזוי פיל איז אויך 'פגם הדיבור'.**

דער רמב"ם[ס] זאגט דאך, אז ווען קען א מענטש גיין בדרך הממוצע? אז ער האט שוין פאררעכטן קען ער גיין בדרך הממוצע. אבער בשעת ער דארף פאררעכטן דער זאך קען ער נישט, ער מוז אננעמען איין זייט מערער. (למשל:) א מענטש וואס דער דיבור איז ביי אים וואלוול (- ביליג), דער דיבור איז נישט אפגעהיט, דעמאלט קען ער נישט גיין בדרך הממוצע, ער מוז נעמען דעם 'שורש אמיתי של הדיבור'. וויבאלד אז דער דיבור איז פגום, מען דארף פאררעכטן, מוז ער אנהויבן אננעמען דעם שורש אמיתי של הדיבור. מיר דארפן דאס וויסן ביי זיך, אז דער דיבור איז נאך נישט ביי אונז אזוי גאנץ מוז מען אננעמען דעם 'שורש אמיתי של הדיבור'.

(ההמשך בקונטרס הבא)

---

[נט] עי' ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד, אות י"ג: "וְזֶה בְּחִינַת "**בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל**"! כִּי הִתְגַּלּוּת עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה גִּלּוּ יִשְׂרָאֵל בָּעוֹלָם כִּי אֵין אֻמָּנוּתֵנוּ אֶלָּא בַּפֶּה. **וְלֶעָתִיד בְּעֵת הַגְּאֻלָּה כְּשֶׁיִּרְאוּ כָּל הָעוֹלָם אֶת גֹּדֶל וְרִבּוּי הַפְּעֻלּוֹת וְהַיְשׁוּעוֹת שֶׁפָּעַלְנוּ עַל יְדֵי תְּפִלּוֹתֵינוּ בְּכָל יְמֵי הַגָּלוּת אָז יִתְחַזְּקוּ כֻּלָּם בִּתְפִלָּה מֵחֲמַת שֶׁהַכֹּל יִרְאוּ אָז מַעֲלַת הַתְּפִלָּה עַל יְדֵי גְּדֻלַּת יִשְׂרָאֵל שֶׁכָּל גְּדֻלָּתָם זָכוּ עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל כָּל הָעַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' וְכוּ'. אֲבָל מַעֲלַת תְּפִלָּתָם שֶׁל הָעַכּוּ"ם אֵינָהּ חֲשׁוּבָה כָּל כָּךְ אָז מֵאַחַר שֶׁהֵם לֹא הִתְגַּבְּרוּ בִּתְפִלָּה כַּנַּ"ל אֶלָּא אַחַר שֶׁרָאוּ מַה שֶּׁפָּעֲלוּ יִשְׂרָאֵל בִּתְפִלָּתָם. **אֲבָל עַם קָדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל זָכוּ לְהִתְגַּבֵּר בִּתְפִלָּה בְּכָל יְמֵי הַגָּלוּת בְּעֵת שֶׁלֹּא רָאוּ עֲדַיִן מַה שֶּׁפָּעֲלוּ**, וְעַל כֵּן נִקְרָאִים **יִשְׂרָאֵל 'בְּכוֹר' וְ'רֵאשִׁית'**, כִּי הֵם גִּלּוּ עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה בָּעוֹלָם שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הוֹלָדַת הַבְּכוֹר שֶׁהוּא בְּחִינַת פְּעֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁפּוֹעֲלִים בַּתְּפִלָּה שֶׁזֹּאת הַהוֹלָדָה וְהַפְּעֻלָּה חֲשׁוּבָה וִיקָרָה מְאֹד, **כִּי אָז צְרִיכִין עִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת בִּתְפִלָּה בְּעֵת שֶׁלֹּא רָאָה עֲדַיִן מַה שֶּׁפָּעַל** וְכַנַּ"ל".

[ס] עי' שמונה פרקים להרמב"ם פ"ד.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**בקשו רחמים לרפואת אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש בקרוב בתושח"י**

מוהר"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו הבה"ח כמר **פנחס** ני"ו לעותומ"צ
למזל טוב

מוהר"ר **יצחק זאב שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה אליעזר טעננענבוים** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה נחמי' ראזענבערג** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **יהושע לאוב** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו
מאנסי
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **צבי אלימלך זייזענפעלד** ני"ו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה